1919 XX 1939

# פערנויער קולטור־ליטעראַרישער פֿאַראיין

# „אחדות"



H. SOO
Pärnu linnapea.

Pärnu Juudi Haridusselts „Achdus" on saanud 20. aastaseks. 1938. a. vabariigi aastapäeval oli mul juhus viibida Pärnu juudi vähemusrahva poolt korraldatud aktusel, kus esineti Eesti isamaaliste kõnedega ja noored kandsid ette isamaalisi laule. Sain sellest aktusest kõige parema mulje. Kõik ettekanded olid kenad. Vahekord juudi vähemusrahvaga Pärnus on olnud hea. Pärnus on juudi seltskond alati kaasa aidanud kõikidele seltskondlistele ja riiklistele üritustele. Loodan, et see vahekord ka tulevikus samasena edasi kestab.

20. aastapäeva puhul soovin Pärnu Juudi Haridusselts „Achdus'ele" edu ja sõbralikku koostööd.

H. SOO.
Pärnu linnapea.

# 1919-1939

מ. גראדינסקי.

## א בלעטל געשיכטע פון פערנויער קולט.-ליטער. פאראיין „אחדות".

די געשיכטע פון פערנויער פאראיין "אחדות" באשטייט פון דריי צייט-אפשניטן: דאס קולטורעלע-געזעלשאפטליכער לעבן בא די פערנויער ייִדן ביזן יאר 1905, פון יאר 1905 ביזן יאר 1919 און פון 1919 ביזן יאר 1939.

ביזן יאר 1905 איז ניט פארגעקומען קיינע באזונדערע וויכטיקע געשעענישן אין קולטורעלן-געזעלשאפטליכן לעבן בא די פערנויער ייִדן, וואס זאל זיין ווערט פארצייכנט צו ווערן אין דער היינטיקער בלעטל-געשיכטע.

און דאס איז קיין וואונדער. קיין באזונדערן אינטערעס צו עפעס, כאטש אביסל, קולטורעלע-געזעלשאפטלעכקייט האבן די דאמאלסדיקע פערנויער ייִדישע בעל-מלכות—קיינמאל ניט ארויסגעוויזן. דערצו זיינען געווען צוויי הויפט סיבות. די ערשטע איז געווען געווים די, וואס דער פערנויער קיבוץ איז געווען זייער ווייט פון א וועלכן עס איז גרויסן ייִדישן צענטער, פון וועלכן זיי וואלטן געקענט ערווארטן עטוואס אף דעם געביט. און די צווייטע סיבה איז געווען — די אבסאליוטע רעכטלאזיקייט און די ווילדע רעאקציע, וואס האט דאמאלסט געהערשט אין גאנץ רוסלאנד, פאר די ייִדן פון די געגענטן,-באזונדערש ייִדישע האנטווערקערס: שוסטערס, שניידערס, און אלערהאנד לאנד-גייערס און לאנד-קרעמערס, האבן זיך אין פערנוי געקוועלט איבער זייער חיונה-דאגות, פארזארגטע, פארצרה'טע איבער די ווינרעכטלאזיקייט, איבער די אפטע מסירות פון די ניקאלאעווסקע סאלדאטן.

די גאנצע געזעלשאפטליכע ארבעט פלעגט באשטיין נאר דערפון, וואס א מאל אין א שמיטה פלעגט מען צוזאמענרופן דעם עולם, כדי ער זאל באשטעטיקן די גבאים, וועלכע האבן זייער ווייניק באפרידיקט דעם ווילן און די באדערפעניסן פון דער געמיינדע.

אזוי האבן זיך פערנויער ייִדן דורכגעמאכט זייער בינטל יארן, אלט און יונג, אפהיטנדיק שטריינג די רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

די געשעענישן פון 1905 יאר און זייערע נאכווייענישן האבן אבער דאך ניט געקענט פארבייגן שפור-לאז, טייל-וויז, אויך פאר דער ייִדישער באפעלקערונג פון פערנוי.

די פערנוישע רוסישע גימנאזיום איז דאמאלסט געווען לאָיאַלישער און הומאנישער בנוגע ייִדישע שילער היגע, וועלכע האבן איר מיינסטנס פארענדיגט.

אויך פון תחום-המושב פלעגן אנקומען יוגנד, וואס האבן זיך אין איר געלערנט און אויסגעהאלטן די עקזאמענס, זאָגאַר מיט אויסצייכנונגען.

איינגע זיינען ווערט מען זאל זיי דא דערמאנען: ביידע ברידער שטיינבערגס פלימעניקעס פון „בעל-מחשבותן". איינער איז געווען פון זיי שפעטער יוסטיץ קאמיסאר אין ס. ס. ר. איינער א געוועזענער שילער פון דער זעלבער גימנאזיום איז היינט א באוווסטער ד"ר זיידנבערג אין ריגע. און א סך אנדערע, געוועזענע שילער, וואס פארנעמען היינט גאר א בכבודיקן ארט אין קולטור-געזעלשאפטליכן און סאָ-

ציאל=פאליטישן לעבן בא יידן און בא די אומות=העולם.

אט די דאמאלסדיקע יידישע שילער=יוגנט, נאכן היסטארישן 1905 יאר — זיינען געווארן אנגעזאפט זיצנדיק נאך אפן שול=באנק, מיט גרויסע גוטע צילן, מיט ערנסטע פערספּיקטיווישן בליקן, פול מיט מיט=לייד צו די דערנידעריקטע און באדריקטע.

אט דער קליינער שטודירנדער קערנדל האט זיך קאנצענטרירט אין א קליינעם ניט אפיציעלן קרייזל, פלעגט דורכפירן אפטע רעפעראטן און דיס=קוסיעס, פלעגט אויפירן פארשיידענע יידישע טעאטער ווערק און די הכנסות פלעגן זיי פארטיילן פאר די אונבאמיטלטע שילער. אפילו א אייגענעם סימפאנישן ארקעסטער האבן זיי פארמאגט.

אויסגעפירט האבן יענע שילערס פאלגענדע זאכן: „יענקל דער שמיד", „ג' מענש און טייזל", „דער יידישער קעניג ליר", „הערשעלע דובראוונער", „די משפחה", און א סך אנדערע פיעסעס אין לעבעדיגע בילדער.

א אקטיוון אנטייל אין דאמאלסדיקן שטודירנדן קרייזל, ווי אויך אין די אויפירונגען האבן גענומען: פרל. רבקה אסטראווסקאיא (היינט פרוי ד"ר לעווין) פרל. העסע שאַין, פרל. קלארא פאַרים, פרל. פינקלמאן, פרל. אידא לעווין (היינט פרוי העלצעצ־טאלין), אבראם לעווין, (היינט ד"ר א לעווין) ר. פינקלמאן, מאקס קלויז, שעפין, משה האַף, קרעמער, א געוויסער איפ א. א.

אגב איז ד"ר א לעווין'ס שולם און באנק חבר געוועזן יורי ווילמס. דער שפּעטערדיקער באקאנטער סאציאל=דעם. אומיניסטר, וועלכער איז אזוי טרא=גיש אוועקגעקומען פון אמערדערישע האנט.

אט דער באקאנטער רוף „פון פאלק און צום פאלק" האט געדויערט בא יענער יוגנט אזוי לאנג, ביז דעם תחום=המושב'דיקן יוגנד איז געווארן מעגליך צו שטודירן אין די גרעסערע צענטערן.

בא די פערנויער יוגנד בכלל. — בא די יוגנד בעל=מלאכות, איז שוין אויך געוועזן פארפלאנצט א קערנדל, וועלכער האט געשפראצט און געוואקסן, — א שטרעבונג פון עפעס וואס מאַן, פון א צוזאמענזיין, פאר וועמען עס איז, פאר וואס עס איז.

און מיר זעען, אז אין 1910 יאר האט זיך די יוגנד אויך שוין געוועזן ארגאניזירט אין א ניט אפי=ציעלן קרייזל און האט געהאט אויפגעפירט פארשיי=דענע טעאטער שטיק, גאנץ געלונגענע: „מיט די זינגער פאנען", „די פאמיליע צבי" א. א. די הכנסות איז באשטימט געוועזן אף איינצושאפן לעזע ביכער און פאר נויטבאדערפטיקע.

די „אחדות" ביבליאטעק פארמאגט נאך היינט צו טאג צענדליקע ביכער פון די באדייטנסטע יידי=שע און אלגעמיינע שריפטשטעלער מיטן שטעמפל: „Изъ Книгъ Б. Хаитова".

אינטערעסאנט איז די געשיכטע וועגן דעם זעלבן שטעמפל, וואס כאַראקטעריזירט די באגריפן פון די דאמאלסדיקע אנפירערס, און דעם עולם=בכלל.

עס איז שוין אויבן געוועזן דערמאנט, אז דער ניט אפיציעלער קרייזל איז באשטאנען פון יוגנד בעל=מלכות און לאנד=קרעמער און אז דער יוגנד קרייזל האט זיך שטענדיק געפונען אין א אנגע=שטרענגטער באציונג מיט די עלטערע, וועלכע פלעגן ניט סימפאטיזירן דעם קרייזל און זיינע ארבעט.

עס האט פאסירט א אומגלויבלעכער, אבער דאך א מיאוסער פאקט.

אין 1912 יאר, אז דער יוגנד קרייזל איז שוין געוועזן פולקום פארבאריימעט צו א אויפירונג פארן זעלבן צוועק, האבן איינגע עלטערע געפונען פאר ריכטיק צו מסרן דעם קרייז=שעף, אז חברה פאר=נעמען זיך פראנק און פריי מיט ניט דערלויבטע זאכן. גאנץ פארשטענדליך, אז די מאכט וואלט פארניכטעט דעם קרייזל מיטן ווארצל. א דאנק די באמיאונגען און פראטעקציע פון א קרייזל מיטגליד דוד בורמיסטראוויטש, וועלכער האט געהאט א שארפן צונג, איז דער אוונט אין „Kooliselts" דורכגעפירט געווארן, אין אנוועזנהייט פון קרייז=שעף און דוקא מיט א גוטן ערפאלג פון 22.50 רובל.

אט צוליב אזעלכע באדינגונגען איז נויטיק גע=ווען דער שטעמפל „Изъ книгъ Б. Хаитова"

די אנפירערס פון יענעם ניט אפיציעלן קרייזל, וועלכער האט עקסיסטירט ביזן 1914 יאר זיינען געווען: אברהם קליין, שלמה נעכאמטשין, לייזער-בערל חאיטאוו, זלמן גארדין, דוד בורמינסטראוויטש' און מאקס שאץ ע״ה אומגעקומען אין וועלט קריג.

די מלחמה יארן פון 1914—1918 האט אבער דעם שוואכן, ערשט ארויסשפראצנדיקן קערנדל אפילו ניט אף אויביג, אבער דאך פארניכטעט. דאס ביסעלע מענשליכעס און נוצנברייננדיגעס, וואס דער יונגר קרייזל האט אויפגעמאן מיט זיינע אייגענע


אברהם קליין.


שלמה נעכאמטשין.


זלמן גארדין.


מאקס שאץ ע״ה.


דוד בורמיסטראוויטש.


לייזער בעול חאיטאוו ע״ה.

ארעמע הארעוואניע, איז געגאנגען לאיבוד צוזאמען מיט די יונגע לעבנס, וועלכע האבן זיך פון קריג צוריק מער ניט אומגעקערט.

ערשט די רעוואלוציע אין מערץ 1917 האט ווידער דערוועקט דאס מאל בא ביידן: הן בא די יונגע, הן בא דער באפעלקערונג בכלל, א באדער־פעניש צו קולטורע געזעלשאפטליכע ארבעט. דערצו האט נאך מיטגעווירקט דאס, וואס צייטווייליק האט זיך געענדערט דער באשטאנד פון דעם פערנויער קיבוץ, דורך דעם צושטראם פון מערערע יידישע סאלדאטן פון דער 12 ארמיי. וועלכע האבן געדינט אין פערנוי.

צופעליק האבן זיי געשטאמט פון גרעסערע צענטרן,—אדעסע, מינסק, פעטראגראד, ווילנע. אייניגע פון זיי זיינען שוין געווען טעטיק פון 1905 י. אין די פאליטישע קרייזלעך.

אט די יידישע סאלדאטן אין פערנוי האבן פון זייער זייט אויך אנגעהייבן אויסצואיבן א השפעה אפן קולטורעלן־געזעלשאפט. לעבן פון דער ארטיקער יידי־שער באפעלקערונג.

די ביווירקונג האט, אבער, געדויערט נאר א קורצע צייט, אין מערץ 1918 איז די מאכט אריבער צו די באלשעוויקעס און די גאנצע 12 ארמיי בתוכם די יידישע סאלדאטן פון פערנוי האט די מאכט דע־מאביליזירט.

אלס תושבים זיינען אין פערנוי פארבליבן נאר איינצעלע, וועלכע נעמען אן, עד היום, א באדייטנדן־אנטייל אין אלע ענינים פון יידישן קיבוץ.

עס איז אינטערעסאנט, אז די יונגט האט, אפילו ביים באלשעוויצקן קאמיסאר (זיין שטאב איז געווען אף וואסער גאס אין "סטוועררנארא גאסטיניצא") נושא־חן געווען און אויסגעפועלט א דערלויבנים דורכצו־פירן א אוונט אין "ענדלא" ווו ער אליין האט פאר־שפראכן אנוועזנד זיין.

מען האט שוין געהאט געמאכט די גענעראל פראבע אין "ענדלא" אונטער רעזשי פון "ענדלא" ארטיסטן ה. ה. מארטינסאן און ראדיונאוו, אבער גראדע אין דער זעלבער נאכט האבן די באלשעווי־קעס פארלאזן פערנא און די דייטשע מיליטער האט

אריינגעמארשירט אין שטאדט. אזוי ארום איז דער באשטימטער אוונט ניט געלונגען דורכצופירן.

די יונגט, אבער האט זיך דאס מאל אויך ניט פארלארן, מען האט זיך געהאט באקענט אויך מיט די מאכט.

דער ניט אפיציעלער יונגט־קרייזל האט זיך שוין געהאט ערווארבן א נאמען פון ניט אפיציעלן יונגט־פאראיין.

די יונגט האט געקראגן חן אויך בא די דייטשן. און שליסליך דעם 20 אפריל 1918 האט מען דעם אוונט אין "ענדלא" דאך דורכגעפירט. אויפגעפירט איז געווארן: צוויי 1 אקטער קאמעדיעס: "די גוטע ברידער" און "א צימער צו פארדינגען" פון רייזן. אנטייל גענומען האבן: פרוי ש. בירניק, פרל. ז. נאר־דין (היינט פרוי ברענער), פרל. ז. קושנער (היינט פרוי דאווידאוויטש), פרל. ש. קושנער (היינט פרוי גראדינסקי) פרל. חיה בינמאן (שפעטער פרוי קליין ע"ה) יוסף ברעננער, זלמן גארדין, ש. פערמאנד, ל. גארדין און מ. גראדינסקי. סופליאר — א. קליין 27 יאר פארנעמט ער זיין פאסטן.

דער אוונט האט געמאכט א גוטן ערפאלג אין אלע הינזיכטן, און די גאנצע הכנסה האט דער יונגט פאראיין אוועקגעשאנקען דער געמיינדע פארוואלטונג, אף איינצואורדנען עלעקטרישע באלייכטונג אין שול.

דער דערפאלג האט צוגעגעבן מער מוט דער יונגט. אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג האבן זיך פאראייניקט. ס'זיינען געקומען צו הילף אפילו די עלטערע, וועלכע האבן פריער געקוקט פון אויבן־אראפ אף די "חברה־יונגאטשעס", ס'האט זיך אינטענסיוו פאראינטעריסירט דער גאנצער באשטאנד פון דער קהלה־פאוואלטונג. אונז'האט געדויערט ווייניקער ווי א חדש ד. ה. דעם29־טן ד. ז. י. האט דער יונגט ווידער דורכגעפירט א אוונט: "די רעפעטיציע" און "אוי'ך א חתונה". מיטגעווירקט האבן די זעלבע פערזאנען.

אינטערעסאנט איז, אז די אוונדע זיינען רייך באזוכט געווארן פון די דייטשע מיליטער־לייט, און איינ־גע האבן אפילו זייער קינסטלעריש אימיטירט פארשיידענע מוזיקאלישע אינסטרומענטן.



פרל. ז. קושנער.
(פרוי דאווידאוויטש ריגע).



פרל. ג. מארקאוו.
(פרוי לעזיק).



פרל. ה. בינמאן
(פרוי ה. פערמאנד ע. ה.)



יוסף ברענער (ריגע).



משה דאנדע (וויליאנדי).



לייב גארדין.

אט די פאראייניקונג צווישן דער יוגנט גופא און צווישן דער יוגנט און דער גאנצער באפעלקערונג האט בולט געוויזן, אז מען איז שוין ראוי אויפצוטאן עפעס ממשותדיקעס, אין א ברייטערן מאשטאב. און גלייך, נאכדעם, האט זיך טאקע אנגעפאנגען א אלגעמיינע ברייטע, שאפענדע ארבעט, וועלכע האט זיך, קודם־כל,

אויסגעדריקט אין ארגאניזירן און קאנצענטרירן די אלע דא־וויי־ענדיקע געזעלשאפטליכע כחות. אין דער ערשטער מאמענטאלער געדאנק בא די אנפירערס איז געווען — צו שאפן א אלגעמיינע פאראייניגונגס ארגאן, אין וועלכן ס׳האט געדארפט פארטראטן זיין די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון אלע עלטער, שיכטן און באַרוף. און דער ארגאן זאל זיך פארנעמען מיטן פארשפרייטן קולטור, און הילפס ארבעט. אזוי ווערט צוזאמענגערופן צום ערשטן מאל די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון 18 יאר אלט אין שול (Lasareti t.) דעם 12 אקטאבער 1919 יאר. פארזיצער איז געווען אויסגעוויילט יעקב שאץ, סעקרעטאר — בער פערמאנד.

נאך לאנג־דויער־ענדע רעבאטן האט די פארזאמלונג אויסגעוויילט א איניציאטיוו גרופע פון פאלגנדן באשטאנד: יעקב שאץ, אברהם קליין, בינימין גארדין, בער פערמאנד, זלמן גארדין, שבתי פערמאנד, וואלף קראקווין, העסל מאצקין, יוסף מאנדלקארן, העלענע בינמאן און זארא קושנער.

פארזיצער פון די איניציאטיוו גרופע.



יעקב שאץ ז״ל.
געשט. אין 1920 יאר.

ערשטער פארוואלטונג פון „אחדות״. 19-X-19



זיצן פון רעכטס: ב. גארדין. ה. מאצקין. י. מאנדלקארן.
שטייען „ א. קליין. ש. פערמאנד. ב. פערמאנד

נאך א ריי אנגענומענע באשלוסן האט די פארזאמלונג באויפטראגט די אויסגעוויילטע איניציאטיוו גרופע, וואס ניכער אויסצוארבעטן דעם פראגראם פון די קינפטיקע ארבעט און די תקנות.

דערמיט איז דער גרונטשטיין געלייגט געווארן און די וויכטיקסטע ארבעט אפגעטאן געווארן.

קורץ נאך דעם האט דער אנפירער פון דער איניציאטיוו גרופע י. שאץ איינבארופן בא זיך אויף S. Seppa t. 8 דעם גאנצן באשטאנד אף דער וויכטיקער בארואטונג. נאך א לייגערע מיינונגס־אויסטויש איז באשלאסן געווארן גרינדן אין פערנוי א יידישן, קולטורעלן, ליטעראַרישן און געזעלשאפטליכן פאראיין און עס א נאמען געבן „א ח ד ו ת".

דעם 19 אקטאבער 1919 האט די איניציאטיוו גרופע איינבארופן א אלגעמיינע פארזאמלונג, וועלכע האט מיט צופרידנהייט אויסגעהערט איר באריכט און מען האט אויסגעוויילט אין דעם ערשטן פארוואלטונג פון „אחדות" פאלגענדע פערזאנען: א. קליין, ב. נארדין, ב. פערמאנד, וו. קראקוין, ש. פערמאנד, י. מאנדלקארן, און ה. מאצקין.

אט אזוי האט זיך געגרינדעט אין פערנוי דער קולטורעלער, ליטעראַרישער, געזעלשאפטלאכער פאראיין „אחדות" מיט צוואנציק יאר צוריק, אדאנק איינינגע איבערגעגעבענע כלל־טוערס, וועמענס נעמען זיינען שוין אויבן דערמאנט געווארן און א דאנק זייער אקטיוון שטרעבונג און מי צו טאן גוטעס און נוצליכעס. דעם 1־טן נאוועמבער 1919 האט די ערשטע פארוואלטונג אריבערגעטראגן איר טעטיקייט אין דעם ערשטן פאראיינס לאקאל אף Mungi tän. 2

פאסט אין א חודש ארום האט מען שוין געהאט דורכגעפירט א אוונט אין פאראיין גופא. אויפגעפירט איז געווען: „קאבצנזאן און הונגערמאן".

און ווירקליך, האט דער „אחדות" בפרט, אין ערשטן פערטל פון זיין היינטיקן יובל, ארויסגעוויזן דאס, וואס א פאראיין קען אויפטאן, בא איבערגעבענע ארבעטערס. יעדער מיטגליד פון פארוואלטונג, אזוי ווי יעדער מיטגליד פון פאראיין בכלל, איז אנטקעגן געקומען מיט זיין מאקסימום צוגעבונדקייט פאר די זאך.

וועגן דעם זאגן עדות די אלטע פראטאקאלן למשל: פראטאקאל נר. 4 פון 10 נאוועמבער 1919 דער אוונט האט געגעבן ריינגעווין 4112 ט."ק. פראטאקאל נר. 6 פון 24 דעצעמבער (אין אנדערטהאלבן מאנאט ארום) האט דער אוונט געבראכט 2144 מארק. פראטאקאל נר. 10 פון מערץ האט די אויפירונג אריינגעבראכט ריינע 1176 מ. מיט 80 פ. פראט. נר. 16 פון 18 מאי האט דער אוונט געגעבן 3947 מארק. א. א. וו. א. א. וו.

פאר די 20 יאר האט דער „אחדות" געהאט פאראנשטאלטעט צוויי און פופציק פארשיידענע אויפירונגען: דראמעס, קאמעדיעס, לידער, כאר-געזאנגען און אנדערע מוזיקאלישע נומערן („די שניעלעך, „די טשערערע").

אפטמאל האבן שפילערס געמוזט נעמען אף זיך צו צוויי ראלן. איינציימטיק ~~שלעפן און קלאפן~~ די ברעטער פאר די בינע, בינק, שטיל, טישן און אנדערע רעקוויזיטן צו די בינע.

אליין אויפבויען און אליין פאנאנדערנעמען, שרייבן פאר זיך און פאר יענעם די ראלן. יעדערער האט געהאט דאס רעכט צו נעמען אף זיך די ראל פון א רעזיסיאר, אנווייזן יענעם און לאזן זיך לערנען פון יענעם. יעדער שפילער האט געפילט זיינע אחריות פאר די זאך. צוויילן פלעגט מען אריין אין אזא עקסטאז, וואס פלעגט פירן צו גאר אונאנגענעמע קוריאזן.

און נאך א וויכטיקער מאמענט אין דער בלעטל געשיכטע פון „אחדות".

דער פאראיין „אחדות" האט זיך קיינמאל ניט באגנוגנט נאר מיט די אפיציעלע איינגע ראמען פון זיינע תקנות,—נאר שטענדיג, לויט די מעגלעכקייטן, ווארעם זיך אפרופן זיך אף פארשיידענע מאמענטן. זאל עס געווען זיין אלגעמיינע מענשליכע, אדער ספעציעלע יידישע. לאקאלע אדער אלגעמיינע־נאציאנאלע־אנגעלעגנהייטן. פון וואנען זאל ניט קומען דער הילפס רוף־גלייך שוין א פרוף. דא נייט ניט. גאנץ פארשטענדיק, די רייד פון כמות, נאר פון איכות.

אין פראטאקאל № 14 פון 5 אפריל 1920 זעען מיר א באשלוס פון „אחדות" פארוואלטונג צו

נעמען אף זיך די זארג, אז דער יידישער אונטע־
ריכט מיט 22 קינדער זאל אויך ווייטער עקסיסטירן אין די רוימען פון „אחדות", אונטערשטיצענדיק מיט האליץ, באלייכטונג און שכר־לימוד פאר די אומבאמיטלטע קינדער. לויטן פראט. № 9 פון 1920 י. איז אנגענומען געווארן איינשטימיק א באשלוס: צום טאג פון יארעס־פייערונג פון אונזער עסטישער דעמאקראטישער רעפובליק, שפענדן פינף הונדערט מארק לטובת דעם געגרינדעטן סאנאטאריום פאר קינדער. אויך אין אלע אנדערע געלד און זאכן זאמלונגען לטובת אונזער עסטישער מאאריטעט האט „אחדות" אנטייל גענומען אקטיוו און איינינע יידן האבן געקראגן, זאגאר, אויסצייכענונגען.

פראטאקאל № 7 פון 10 נאוועמבער 1923 י. דער פארשטאנד פון „אחדות" נעמט אף זיך איבער די פארפליכטונג צו פארטיילן די לאטעריי בילעטן פאר דער טאלינער יידישער גימנאזיום. אף די סומע פון פינף און צוואנציק טויזנד מק. א. א. וו. און א. וו.

און מיר מערקן פון דעם „אחדות" ארכיוו און די פראטאקאלן ביכער ווי פון מאל צו מאל ווערט דער „אחדות" טעטיקייטס פעלד אלץ ברייטער און לעבנגער, דער ווילן אלץ שטארקער און נוצנברייננגדיקער.

די אנגעקומענע פון רוסלאנד ד"ר א. לעווין מיט זיין פרוי רבקה לעווין, מיט זיין ברודער חיים (געשט. 1930) מיט דא זייענדע אינגערן ברודער און שוועסטער בער און דארא לעווין (היינט פרוי בראזשינסקאיא), צוזאמען מיט די צוגעקומענע יונגע שפילער קרעפטן: פרוי שיינע גארדין, פרל. רבקה פריימאן, פרל. לידי מאצקין, פרל. חיה און מערע מאנדלקארן (היינט פרוי פעל), פרוי שיינע בירניק, ד"ר שלום קראפמאן, משה און פרוי טורעצקי, פרוי שיינע קליין, די קליינינקע חן־עווזיקע מירים גארדין, פרל. עללא בינמאן, באבא לעווין, פרוי מלכה גאלדבערג, דוד בירין, פאשא גאלדבערג, משה פעל, פרל. פינע קושנער, אברהם פאווליווסקי, יענקל און אברהם פריימאן, גדליה מיכעלסאן און נאך אנדערע, וועלכע זיינען דא דערמאנט אונטן אין דער רשימה, האבן שטארקער און רירעוודיקער געמאכט דעם גאנצן דראמאטישן אנסאנבל ביים „אחדות".



חיים לעווין ע"ה. געשט. אין 1930.
אין די הויפט ראלן: „שמע ישראל", „דער ווילדער מענש", „געברידער לוריע" א. אנד. פארשטאנדס מיטגליד אין 4 פארוואלטונגען.

---

דער פערנויער פאראיין „אחדות" האט זיך געלאזן הערן און פילן אויך ווייטער פון זיינע גרעניצן. טאלין, טארטו, ריגע א. א. פון די צענטרן איז מען אנטגעגן געקומען אמת גאנץ זעלטן מיט רעפעראטן, לעקציעס, פארלעזונגען א. ד. ג. אף אלייעמיינע, ספעציעלע און היסטארישע טעמעס. מיט קינסטלערישע אווגטע, ווארט קאנצערטן און כאר געזאנגען.

אין דעם זין האט אין א גרויסן מאס מיטגעהאלפן די קולטור פארוואלטונג און דער טאל. דראמ. פאראיין „ח. נ. ביאליק". טארטוער „מכבי" האט געהאט ארגאניזירט א „מכבי" אפצווייג ביים „אחדות" אין 1923, וועלכער האט איינינע יאר טעטיק געארבעט אין ערווארבן זיך א גוטן נאמען אפילו בא די עסטישע פאראיינען.

טארטוער „התחיה" האט געהאט געגרינדעט ביים „אחדות" א יוגנט ארגאניזאציע „התחיה", איר קיום איז אבער געווען נאר א קורצער פון 1922 ביז 1923.

## א טייל מיטגלידער פון דראמ. סעקציע ביים „אחדות".



שיינע גארדין.
אין די הויפט ראלן: „די שחיטה"
„געבראכענע הערצער"
„ראס אייביקע ליד"
„געברידער לוריע" א. א.



פרל. לידי מאצקין.



פרל. רבקה פריימאן
אין די הויפט ראלן: „געבראכענע הערצער"
„מיטן שטראָם"
„די שחיטה"
„יאשקע מוזיקאנט" א. א.



לייב מאצקין.



לייב גאלדבערג.



משה פעל.

„אחדות" פאראיין האט געהאט די גרעסטע הנאה פון דעם יידישן כאר ביים „ח. נ. ביאליק" אנטער דער געניטער לייטונג פון הערן מארגאלין און בראש מיט דער „עסטאניא" סאליסטין פרוי אוו-לאַ, מיט דער הילף פון קולט. פארוואלטונג און מיטן מיטווירקונג פון די ה. ה. אייזנשטאט, גורין, ש. טאמארקין, קאסאצקי, ד"ר ב. מירוויץ, יולי גענש א. א. מערערע אינהאַלטס-רייכע פארטראגן און אקאדעמיעס (וועגן ד"ר ח. ארלאזאראוו, ה. נ. ביאַ-ליק א. א. ז"ל) פון ריגע: דער רעדאקטאר פון „פרימארגן" ד"ר י. העלמאן, אשר בערנשטיין און לעצטנס ראַבינער נוראק.

מיטן נאענטן אנטגעגן קומען פון „ביאליק" האט „אחדות" דורכגעפירט מערערע ליטערארישע משפטים: „באנצע שווייג" פון י. ל. פרץ, „מאטקע גנב" פון ש. אַש, „שיילאק" און „קעניג ליר" פון וו. שעקספיר מיטן ווארימן אנטייל נעמען פון חשובן הערן ש. טא-מארקין — טאלין און י. שור — העלסינקי. און א. רעציטאציע אוונדע — פון פרוי און הערן האל-בהייך. ווארט-קאנצערט — פון הערן ברייטבארד. א. א. וו. א. א. וו.

אבער, ניט אלע צייטן זיינען געווען, אין פאר-לויף פון די צוואנציק יאר, פארן עקסיסטענץ פון „אחדות", גלייך. ניט שטענדיק זיינען געווען די פאר-וואלטונגען פון „אהדות" צוגעפאסט צום ערפילן די אויפגאבן, און ניט אלע מאל פלעגט דעם עולם ארויסווייזן זיין געהעריגן אינטערעס און צוגעבונד-קייט צום פאראיין.

אין די צוואנציק יאר האט דער היינטיקער בעל-יובל אויך שווערע פעריאדן דורכגעלעבט.

אז מען בלעטערט דורך די אלטע פראטאקאלן ביי-כער, דעם געשריבענעם און זכרון ארכיוון, פילט מען און מען איבערצייגט זיך, אז טעג, חדשים, אפילו, יארן פול מיט יאוש, מרה-שחורה און פארצווייפלונג — האט דורכגעמאכט דער ראש פון אלע פאראיינען. געווע-זענע און דא זייענדע — אין פערנוי.

ס'זיינען ענטשטאנען ניט זעלטענע מאמענטן, ווען אפן ערב סדר-היום פלעגט ווערן אויפגעשטעלט דער פאטאלער פונקט פון ליקווידירן „אחדות". אלין און אלע פלעגן זיך פון עס, אין דעם גוסס'עדיקן מאמענט, אפקערן, ווי פון עפעס א שלעכטע צרעת.

דאך אין דער ערענסטער רגע פלעגט ער באקו-מען כח צו באקעמפן דעם ענשטאנענעם פעסימיזם און מוט ארויסצוהייבן זיך, פון די יציאות נשמות נעגל.

גאנץ פארשטענדליך, אז אזעלכע שטערצהאפטע מאמענטן אין קיום פון פאראיין „אחדות" זיינען גע-ווען אין צוזאמענהאנג — פארבונדן אין פארקניפלט מיט די אלגעמיינע נאענטסטע און ווייטסטע באדינ-גונגען, וועלכע פלעגן, ווילנדיק — ניט ווילנדיק, אפ-רופן זיך אף די טעטיקייטן אויך פון „אחדות" און עס באאיינפלוסן.

אבער, אז עס פלעגט א שיינט טאן די זון, בא-ווארימען „אחדות" און זיינע געציילטע עקשנות'דיקע עסקנים מיט אידע ליבע פון אידיאליזם שטראלן פון דאס ניי, די הערצער פון עולם פלעגן ווערן ווייכער און צוגיינגליכער, די פארוואלטונגען אפטימיסטישער און ארבעטספייאיקער. — (זע די פראטאקאלן פון 1933 ביז 1934 יאר) פיר אויפירונגען אין איין יאר.

צווי און צוואנציק רעפעראטן פון ד"ר אליהו פארעצקי, — דאס בעסטע און דאס שענסטע וואס דער פערנויער עולם האט געקענט הערן וועגן קול-טור, ליטעראטור, געשיכטע, — אף אלגעמיינע און אין ספעציעלע טעמעס. לעבעדיקע צייטונגען און קעסטל-אוונדע מיט אייגענע באשרייבנגטע כחות.

מיט איין ווארט — א שפע פון אויפמונטערנדע ווערטער און טאטן, וואס באַרעכטיקט איבערצייגנד דעם מוז פון קיום פון פערנ. פאראיין „אחדות" — און זיינע נוצנטראגנדיקע פרות, בפרט. פאר די יוגנט. באזונדערש צייכנט זיך אויס, אין דעם פרט, די דרייצנטע-פארוואלטונג פון 1934 יאר. (זע אונטן די רש"מה). דער איבערציען פון קליינעם אונבאקווע-מען לאקאל Vilmsi 2 אין די גרעסערע רוימען אף Vilmsi 6. קאפיטאלער רעמאנט. מען ברעכט אויס ווענט און אויזונס. צום פארגרעסערן דעם גרויסן זאל. ס'ווערט אויפגעבויט א אייגענע בינע, דעקאראציעס און ד. ג. אליין — מיט די אייגענע שוויים און מי. ס'ווערט ארויסגעלאזן א אויפרוף צו אייגענע און

פרעמרע, ס'ווערט דורכגעפירט א געלט אקציע, מען פאנגט אן צו קריגן סובסידיעס פון קהלה-פארוואלטונג מען לאזט קיינעם ניט פארביי, — א איינענער, א טאלינער אדער א אויסלאנדער. מען הערט זיך ניט צו צום, מיט גאל ביטער איראנישן „וואס זיינען עס פאר מוזיקאנטן...?" מען לויפט אין שול צו סליחות כאפן די „העכט". מער אדער ווייניקער — זיי דרייען זיך אבער ניט ארויס.

פער", „ב. גאלדמאן" „ראוניט" דורך בנימין פאוולאווסקי, לייב גאלדבערג און אנדערע.

אין זעלבן יאר האט די זעלבע פארוואלטונג ארגאניזירט א מאנדאלינען ארקעסטער פון יוגנט.

מיט זיינע אפטע אויפטרעטונגען האט דער ארקעסטער אונטער די געניטע לייטונג פון גוגאָ קלעמער ערוואָרבן זיך פאר די קורצע צייט א שם אפילו בא היגע עסטישע עפנטליכקייט.

מאנדאלין ארקעסטער ביים „אהדות", געגרינדעט אין 1934



שטייען פון רעכטס: ג. בורמיסטראוויטש. ז. גאָרדין. א. קושנער.
ז. לייבאָ. ש. גאלדבערג. ש. מאנדלקארן.
זיצן " " פ. גראדינסקי. ד. קושנער. ג. קלעמער-דיריג.
ז. גאלדבערג ח. גארדין.

אמת — מיט גרין און גאל איז פארבונדן די אקציע, און די גאנצע ארבעט. די פאר עקשנים לאזן אבער ניט נאך. קיין מיטן וועגן איז ניטא בא זיי. מען מוז צו-פירן צום ברעג — א ניט איז די האלבע געפיידע אין די גרעסטע סכנה. אין צוזאמענהאנג מיטן אויפשוואונג פון אקטיווע ארבעט איז א חוב צו דערמאנען דא מיט א געפיל פון דאנקבארקייט די פירמעס און די פערזאנען, דורך וועלכע עס זיינען איינגעזאמעלט געווארן פארשיידענע נוצליכע אינווענטאר פארן פאראיין: אקצ. געז. „קרענבאלם", „געבר. טא-

אגב האט דער ארקעסטער ארויסגעגעבן א גאנץ באגאבטן שילער אין טאלינער קאנסערוואטאריום אף קאמפאזיציע און קלאוויר (פ. גראדינסקי).

אויך די פופצענטע פאר־וואלטונג פון 1937 יאר (זע אונטן די רשימה) האט ארויסגעוויזן פיל בארשטענדנים פאר „אחדות". דורכגעפירט א גרינדלדכן רעמאנט, באַרייכערט דעם פאראיין מיט א קלאוויר און דורכגעפירט אפטע אוונדע.

# א טייל פון דראמ. סעקציע ביים „אחדות".



„אײדימס=דאקטײרים". 15-XII-1934

(ש. פערמאנר אין די הויפט ראל.)

אין 1939 יאר לויט די איניציאטיוו פון א פאר
עלטערע כלל=טוערס איז ארגאניזירט געווארן א יוגנד=
אפצווייג ביים "אחדות" וועלכן די פארוואלטונג אונ=
טערשטיצט אין אלע הינזיכטן מיט אלע דאזייענדיגע
מעגלעכקייטן. אמת — די יוגנד, ווי מען זאגט, לאזן
זיך נאך דערווייליע בעטן. עס לאזט זיך נאך, פאר=
לויפיק, אסך=אסך ווינשן, — הלואי זאלן די האפ=
נונגען ניט אפנארן.

די יוגנט האט פאר די לעצטע צייט באוויזן
דורכצופירן א „שלום=עליכם" אוונט, א שאך=טורניר,
פינג=פאנג, פארווייגלגען א. ד. ג.

די כלל=טוערס פון עלטערן דור, וואס פילן,
בפרט, די לעצטע פאר יאר איבערמידעט קוקן אויס
מיט אומגעדולד פון איין זייט — מיט מורא פון צווי=
טער זייט, אף די גליקליכסטע שעה, ווען מען וואלט
שוין געקענט איבערגעבן די יורשים, וועלכע זאלן
באקומען דעם ווערט, דעם געהערינגן ווילנס=קראפט
און קענטענים איבערצונעמען די רודערס און אנפירן
ווייטער מיט די שיף, וואס איר נאמען הייסט „אחדות".

צום גונסטן דעם גאנצן צוואנציק יאריקן עקסיס=
פון דעם פערנ. ליטער. פאראיין „אחדות" און זיין
אקטיווע טעטיקייט פאר די גאנצע צייט — איז גע=
ווים צו פארדאנקען דעם באזונדערן וויכטיקסטן פאק=
טאר, וואס אונזער פרייער. דעמאקראטישע עסטישע
מלוכה פון איר געבוירן טאג אן, האט אנערקענט
צווישן אנדערע אויך אונדזער יידישן מעוט אין ביר=
גערערכטליכן און קולטורערכטליכן זין. אדאנק דעם
האט זיך אויך דער פאראיין „אחדות" געקענט פריי
פארנעמען זיך מיט זיינע קולטורעלע, ליטערארישע,
געזעלשאפטליכע, אלגעמיינע=נאציאנאלע און לאקאלע=
ענינים, אנע קיינע שטערונגען. דאס איז ווי געזאגט,
דער הויפט פליוס.

היינט טרעט צו דער פאראיין „אחדות" צום זיין צוואנציק יאריקן יובל.

עס ווילט זיך האפן אז דער פאראיין „אחדות" וועט נאך דעם היינטיקן יובל פארברייטערן, פארבעסערן און פארשענערן זיין טעטיקייטס בארוף און דערמיט אפשאפן די שטערנדע געגנזן־פיסלעך פון זיך.

עס ווילט זיך ווינשן, אז דער פאראיין „אחדות" זאל ווירקליך דינען אלס פרידלעכער צוזאמענריידונגס בריק צווישן אלטן און יונגן דור, צווישן זיינע אנפירערס און אלע אין פערנוי זייענדיקע אינסטיצוציעס און די גאנצע קליינע געמיינדע — בכלל.

עס ווילט זיך האפן צום היינטיקן „אחדות" יובל, אז ער וועט דינען אלס לייכט־טורעם פון אונזערע אונפרייליכע נאציאנאלע ווערטן פון גרייז־גרויען אמאל און מאדערנעם היינט. עס ווילט זיך ווינשן אז די צוויי הונדערט פיר און פערציק יידישע נפשות־בן ירבו, זאלן באפרוכטערן דעם היינטיקן בעל־יובל אין אזא געהעריגע מאס און פארם, וואס זאל מיטהעלפן אין זיין קאמף צו באפרייען דאס יידישע פאלק פון זיין טונקעלן, גראען היינט.

עס ווילט זיך האפן, אז „אחדות" וואס זיין באהוף און שטרעבונג איז — קולטור, ליטעראטור, עטיק און מאראל, וועט זיך ווייטער לעבן און עלטערן און וועט ברייננן די גיהעריגע נוצן, א דאנק די ווייטערדיגע גערעכטע — פריינטליכסטע באציונגען מצד אונזער עסטישן מאיאריטעט.

מ. גראדינסקי.

דער זאל פון פאראיין „אחדות".



# 1919 — רשימה פון פארוואלטונגס מיטגלידער אין „אחדות" — 1939.

### 1-טע פארוואלט׳ 1919.

קראקווין וואלף
מאנדלקארן יוסף
מאצקין העסל
קליין אבא
פערמאנד בער
גארדין בנימין
פערמאנד שבתי

### 2-טע פארוואלט.

קראקווין ו.
מאצקין ה.
פערמאנד ב.
קליין א.
גארדין ב.
מאנדלקארן י.
פערמאנד ש.

### 9-טע פארוואלט. 1929

קראקווין ו.
לעווין ח.
פרוי בירניק שיינע
לעווין שאול
גאלדבערג ל. (פאַשאַ)
מאנדלקארן י.
גראדינסקי מ.

### 10 פארוו. 1931

קראקווין ו.
ד״ר לעווין אברהם
פאוולאָווסקי בינימין
לעווין שאול
מיכעלסאן גדליה
מאנדלקארן י.
גראדינסקי מ.

### 3-טע פארוואלט.

קראקווין ו.
מאצקין ה.
קליין א.
פערמנד ב.
גארדין ב.
מאנדלקארן י.
פערמאנד ש.

### 4-טע פארוואלט. 1923

מאצקין ה.
בירניק אשר
גראדינסקי משה
גארדין ב.
מאנדלקארן י.
פערמאנד ב.
פערמאנד ש.

### 11-טע פארוואלט. 1933

ד״ר לעווין א.
מאצקין ה.
גארדין לייב
מאנדלקארן י.
גראדינסקי מ.

### 12-טע פארוואלט׳

קראקווין ו.
גארדין ב.
גאלדבערג ל. (פ)
מאנדלקארן י.
גראדינסקי מ.
גארדין ל.

### 5 פארוואלט. 1924

ד״ר קראָפמאַן שלום
ד״ר ווינאָדסקי קאָפל
קראקווין ו.
לעווין חיים
גראדינסקי מ.
גארדין ב.
מאצקין ה.

### 6-טע פארוואלט.

ד״ר קראפמאן ש.
ד״ר ווינאדסקי ק.
קראקווין ו.
לעווין ח.
קליין א.
מאנדלקארן י.
גארדין יעקב

### 13-טע פארוואלט. 1934

גארדין ב.
מאנדלקארן י.
פערמאנד ש.
גארדין זלמן
גראדינסקי מ.

### 14-טע פארוו. 1935

בירניק א.
פערמאנד ש.
מאנדלקארן י.
פאוולאָווסקי מאקס
גראדינסקי מ.

### 7-טע פארוואלט.

ד״ר קראפמאן ש.
ד״ר ווינאָדסקי ק.
קראקווין ו.
לעווין ח.
קליין א.
מאנדלקארן י.
פערמאנד ב.

### 8-טע פארוואלט. 1928

בירניק א.
מאצקין ה.
גארדין ב.
גראדינסקי מ.
פערמאנד ש.
מאנדלקארן י.
ברענער משה

### 15-טע פארוואלט. 1937

בירניק א.
פרוי פאוולאָווסקי שיינע
פרל. פריימאן רבקה
מאצקין אברהם
פעל משה
מאנדלקארן י.
גינזבערג לייב

### 16 פארוו. 1938-39

מאצקין העסל
גארדין לייב
קראקווין ירמי׳
מאנדלקארן יוסף
פערמאנד שבתי
גארדין זלמן
גראדינסקי משה

אין 15 פאררואלט. 1937



נינזבערג לייב.

## פארוואלטונג פון „אחדות" 1939 יאר



זיצן פון רעכטס: מאַדלקארן יוסף. מאצקין העסל. גראדינבקי מ.
שטייען " פערמאנד שבתי. גארדין זלמן. קראקחן ירמי'.
גארדין לייב.

אין 14 פארוואלט. 1935



פאײלאווסקי מאקס.

15 פארוואלט. 1937



מאצקין אברהם.

אין 4, 8, 14 און 15



בירניק אָשר.

# א טייל פון דראמאטישע סעקציע ביים „אחדות“



זיצן פון רעכטס: א. קליין — (27 יאר סופליאר). מ. גראדינסקי. ש. פערמאנד — (אין די הויפט ראלן). פרוי ש. גראדינסקי. די פירין. וו. לאססען (רעזיסער). ל. גאלדבערג. ל. גארדין.

שטייען „ ז. גארדין. ש. שינדלער. ר. שינדלער. א. קושנער. פ. קושנער. א. פריימאן. ח. מאנדלקארן. י. פריימאן. ל. פאוולאָווסקי. ש. מאנדלקארן.

## פאר די צוואנציק יאר האט די דראמ. סעקציע ביים „אחדות“ אויסגעפירט פאלגנדע פיעסעס:

„מיט זיגער פאנען“
„די גוטע ברידער“ ז. רייזן, 2 מאָל.
„א צימער צו פארדינגען“
„אַ רעפעטיציע“.
„אויך אַ חתונה“.
„קבצנזאָן און הונגערמאַן“.
„דאָראַ“
„דער מעדאליאָן“ 2 מאל.
„דער שטומער חתן“ טונקעלער
3 מאל
„קאלאמעיע“ ש. עליכם 2 מאל.
„צו זיין און צו שפּריינט“ ש. עליכם.

„א דאקטאר“ ש. עליכם 2 מאל.
„א ווידוס“ „ 2 מאל.
„די אגענטן“ „
„מענטשן“ „ 2 מאל.
„די שחיטה“ י. גארדין 2 מאל.
„דער ווילדער מענש“.
„נעבראָכענע הערצער“ 2 מאל.
„געברידער לוריע“.
„מזל־טוב“ ש. עליכם.
„סימן שטראם“ ש. אש.
„שמע־ישראל“ א. דימאוו.
„דאס אייביקע ליד“ מ. ארנשטיין 2 מ.

„דער ישיבה בחור“ * * *
„דאס מעסערל“ ש. עליכעם (אינסצ.)
„א ווייב מאכט קראנק א דאקטאר“ טונקעלער.
„א שטיקל ראדיא נאך הבדלה“ „
„א שטומע ווייב“ „
„מיין בעבי“
„א רעצעפט קעגן שוויגערס“.
„איידימס דאקטורים“ זאבלוראָווסקי.
„מאטקע גנב“ ש. אש.
„יאשקע מוזיקאנט“ א. דימאוו.
כאר און מוזיק. קאנצערטן.

## אין משך פון די 20 יאר האבן אין דראמ.סעקציע ביים „אחדות" אנטייל גענומען פאלג. פערז.

פרל. בינמאן חיה. ע"ה.
ברענער יוסף.
ברענער משה.
בירין דוד.
פרוי בירניק שיינה.
גאהדין זלמן.
גארדין זארא, (פרוי ברענער)
גארדין בינימין.
פרוי גארדין שיינה, (אין די הויבט ראלן)
גאדרין לייב.
גאררון מירים, (א ויין יאריקע)
גראדינסקי משה,
גאלדבערג שרה, (פרוי מ. דאנדע)
גאלדבערג טויבע, (פרוי ב. לעווין)
גאלדבערג פינחס.
פרל. בינמאן עללא.
גאלדבערג לייב, (פאשא)
פרוי גאלדבערג מלכה.
דאנדע משה.
חאסין ש. (טאלין)
פרוי טורעצקי חנה.
טורעצקי משה.
לעווין חיים.
לעווין דארא, (פרוי בראזשינסקי טאלין, אין, הויפ. ר.)
לעווין בער, (אין די הויפט ראלן)

לעווין באָבאַ.
פרוי ד"ר לעווין רבקה, (אין די הויבט ראלן)
ד"ר לעווין אברהם.
פרל. מארקאוו גיטל, (פרוי לעויק)
פרל. מאצקין לידי.
מאצקין לייב.
מיכלסאן גדליה.
פרל. מאנדלקארן מערי, (פרוי פעל)
פרל. מאנדלקארן חיה.
פאוולאווסקי אברהם.
פרל. פריימאן רבקה. (אין די הויבט ראלן)
פריימאן אברהם.
פריימאן יעקב.
פעל משה.
פאוולאווסקי יצחק.
ד"ר קראפמאן שלום.
פרל. קושנער זארא, (פרוי דאווידאוויטש. רינע)
פרל. קושנער שבע, (פרוי מ. גראדינסקי)
פערמאנד שבתי, (אין די הויבט ראלן)
פרל. קושנער פיינע.
קליין אברהם, (27 יאר סופליאר)
פרוי קליין שיינע.
פרוי שער מערי.
פרל. כהן חיה. ע"ה.



„יאָשקע
מוזיקאנט".

# „אחדות" אבדות פאר צוואנציק יאר ז"ל.

## מיטגרינדער, מיטשפילער און מיטגלידער

| | | |
|---|---|---|
| שאץ יעקב. | געשט. | 1920 |
| פינמאן חיה. | " | 1919 |
| פערמאנד חייענע. | " | 1923 |
| לעווין חיים. | " | 1931 |
| כהן חיה. | " | |

פופ ישראל.
פופ פיינע.
ברענער יהושע-יעקב.
פרוי ברענער בליומא.
בוקשפאן חיים.
פרוי בוקשפאן חיה.
גארדין צבי-הירש.
פרוי גארדין שרה-דבורה.
גארדין בונים.
פרוי וועסעט גיטל.
זעלקין יחזקאל.
הבחור זעלקין ניסן.
פרל. יאקאבסאן יודית.

יאקאבסאן מרדכי.
פרוי כהן שיינע.
כהן יצחק.
לעווין יוסף.
לעווין משה.
פרוי לייבא ציללע.
לייבא שמעון.
פרוי מאצקין חיה.
מארגליות אליעזר.
פאוולאווסקי שבתי.
פאוולאווסקי שמואל.
פרוי קלויז רחל.
הבחור קריסטאל זוסל.
קריסטאל אהרן.
פרוי קריסטאל פיינע.
פרוי קראקוין אלנא.
דבחור שיין הערצע.
קושנער אברהם.

# קאסע בילאנץ פון פערנייער קולטור־ליטעראַרישן פאראיין „אחדות" פון 1939—1919

| אויסגאבע: | ס"ט קר. |
|---|---|
| אונטערשטיצונגען | 2.159,70 |
| הלואות | 850,26 |
| דירה געלד | 4.766,15 |
| באלייכטונג | 1.141,16 |
| באהייצונג | 1.466,97 |
| פארשיידענע אויסגאבן | 2.499,40 |
| אינווענטאר | 1.145,05 |
| ביבליאטעק | 587,70 |
| רעמאנטן | 617,56 |
| דעם „אחדות" יוגנט | 60,50 |
| | 15.294,45 |
| קאסע באשטאנד 1־טן יולי 1939 | 122,05 |
| | קר. 15.416,50 |

| איינאמע: | ס"ט קר. |
|---|---|
| פרייוויליגע שפענדונגען | 4.009,13 |
| אוונדע | 6.330,69 |
| מיטגלידס אפצאל | 2.682,02 |
| איינטריטס צאלונגען | 87,57 |
| הלואות | 796,41 |
| פראצענדער | 40,77 |
| דירה־געלד | 1.090,44 |
| פאר באלייכטונג | 50,20 |
| פון פארוויילונגס־שפילע | 309,27 |
| פון „אחדות" יוגנט | 20,— |
| | קר. 15.416,50 |

ש. טאמארקין

# דער נצחון פון אידעאליזם.

ניט מיט קיין אנדערע ווערטער דארף באצייכנט ווערן די צוואנציק יאריקע עקסיסטענץ פון פערנויער קולטור-פאראיין „אחדות“.

דאס קליינע הייפעלע פערנויער יידן האבן מיט זייער קולטור-יום טוב אריינגעשריבן א שיינעם בלאט אין דער רענעסאנס-עפאכע פון עסטישן יידנטום און האבן באוויזן איינעם פון יענע וואונדער, מיט וועלכע עס איז אזוי רייך די געשיכטע פון אונדזער נאציאנאל-קולטורעלער אויפלעבונג פאר די לעצטע פאר צענדליק יארן.

די קנאפע פאר הונדערט פערנויער יידישע נפשות — א טראפן אין ים פון פרעמדע קולטורן און איינפלוסן — האט געזאלט, לויט אלע אביעקטיווע באדינגונגען, דערגיין ביז צו דער מדרגה פון פולשטענדיקע אנאלפאבעטן אין שייכות צו דער מאדערנער יידישער קולטור.

עס האבן זיך אבער איינגעפונען אין פערנוי איינצעלנע יידן, עקשנים, וועלכע האבן נאך ניט פארגעסן די טראדיציעס פון די אמאליקע פערנויער יידישע קרייזלעך, פון יענער אידיאליסטישער און באגייסטערטער יוגנט, וואס האט שוין דעמאלט, אין די פינסטערע יארן פון צארישן רעזשים, באוויזן צו שאפן אן ארגאניזאציע פאר קעגנזייטיקער הילף, זעלבסטבילדונג, און קאמף פאר נאציאנאלער באפרייונג און סאציאלער גערעכטיקייט.

און אט די דאזיקע געציילטע יחידים האבן געטראגן אין זייערע הערצער א בענקשאפט נאך א יידישן ווארט: זיי האבן ניט געוואלט בלייבן אינגאנצן אפגעריסן פון יידישן קולטור-מקור — און מיטן כח פון עקשנות און אידיאליזם האבן זיי מיט צוואנציק יאר צוריק אויפגעשטעלט אן איינגענעם געצעלט, דורך וועלכן זיי זאלן זיך קענען באהעפטן מיטן אקטועלן און אקטיוון יידישן קולטור-לעבן.

קליין אין צאל, אן הילף פון דער זייט, אנגעוויזן אויף זיך אליין, באגרענעצט אין מאטעריעלע מיטלען און אין קולטור-כחות, איז שווער געווען צו גלויבן, אז דער געשאפענער קולטור-ווינקל זאל האבן א קיום — עס האט זיך געדוכט, אז דער פערנויער פאראיין „אחדות“ וועט בלייבן נאר ווי א פרווו, ווי א פארבייגענדיקער עפיזאד, ווי דאס האט, ליידער, געטראפן מיט ענלעכע פאראיינען אין יידישע קיבוצים פון עסטי, א סך גרעסערע ווי פערנוי.

און דאך — די אלע אומגינסטיקע באדינגונגען זיינען קאמפענסירט געווארן מיט דעם קאלאסאלן רעזערוו פון עקשנות, ווילנסקראפט און באגייסטערונג פון די פערנויער יידן, און נאר אדאנק דעם האט דער פאראיין זייער דערגרייכט צו א דרייערהאפטיקן לעבן, און זיי קענען איצט שטאלץ פייערן היינט זייער גרויסן יום-טוב.

עס איז ניט מיין אויפגאבע צו געבן היינט אן אפשאצונג וועגן דער טעטיקייט פון בעל-היובל — דאס וועלן מן הסתם טאן די פערנויער טוער פון „אחדות“: אבער גאנץ אומאפהענגיק פונם קולטור-אקטיוו פון פאראיין מוזן מיר אנערקענען זיין חשיבות: שוין דער עצם פאקט אליין, וואס דער קליינינקער פערנויער יידישער קיבוץ האט מיט אייגענע כחות דערפילט דעם פאראיין צום צוואנציקיאריקן יובל, דארף ארויסרופן ביי אונדז דעם טיפסטן רעספעקט צו זיינע גרינדער און טוער!

יעדער איינער, וואס שטייט נאענט צו יידישע קולטור-ענינים, קען זיך גרינג משער זיין, ווי פיל שוועריקייטן און מניעות עס האבן געמוזט אויסשטיין די גרינדער און טוער פון „אחדות“ פאר די דאזיקע צוואנציק יאר, און דעריבער איז דער קולטור-יום טוב פון די פערנויער יידן אן אמתער טריומף און נצחון פון אידיאליזם.

עס ווילט זיך ווינטשן די פערנויער קולטור-טוער און זייער פאראיין „אחדות“ הצלחה און אריכת-ימים! זאל דער שיינער נאמען „אחדות“ פאראייניקן אלע פערנויער יידן ארום זייער קולטור-ווינקל, וואס

דארף אויספילן די הויכע מיסיע צו זיין א בלי-זין און אן אפווער קעגן אסימיליאציע און נאציאנאלן אומקום! זאל דער היינטיקער קולטור-יום טוב צוגעבן מוט און ענערגיע די אלטע טוער און סטימולירן די יונגע זיך אנצושליסן צו די יידישע קולטור-אוצרות! זאל דער אידיאליזם און די באגייסטערונג פון די אלטע באזעלן די יונגע און דינען ווי א ביישפיל פון ליבשאפט און איבערגעבנקייט צו אונדזער קולטור!

זאל דער היינטיקער יובל פון פאראיין „אחדות" אנרעגן די שטארקערע קולטור-ארגאניזאציעס צו פארבינדען זיך נענטער מיט „אחדות" און העלפן אים צו פארטיפן און אויסברייטערן זיין טעטיקייט אויף אלע צווייגן פון דער יידישער קולטור!

ש. טאמארקין.

ה. דרוקי טאלין.

# עס האט א וואונדער פאסירט.

מיט גרויס פארגעניגן האב איך אנגענומען אייער איינלאדונג אנטייל-צונעמען אין אייער זעלטענעם יום-טוב מיט אן ארטיקל אין אייער יובל-זשורנאל.

עס איז א באזונדערע שמחה, ווען עס מאכט זיך א יובל, ווו מען קען משנה זיין דעם אייביקן מנהג. אז ניט מען מוז זינגען און זאגן, אז עס ווילט זיך זינגען און זאגן.

דער קולטורעלער-געזעלשאפטליכער פערנויער פאראיין "אחדות" האט כשר פארדינט מען זאל אויך אף א געהעריגן אופן אפשאצן, אז דער גרינדונגטאג פון דאזיקן פאראיין זאל בלייבן אלס א וויכטיקע דאטע אין היינטיקן קולטור לעבן פון די יידן אין פערנוי.

עס איז שווער צו שרייבן ארטיקלען וועגן א פאראיין, ווען די גאנצע פריערדיקע ארבעט פון „אחדות" איז מיר א ביסל אומבאקאנט. אבער באזונדערס אפט פערנוי און אויך דעם פאראיין, הערט מען זיך פון דער זייט פון צייט צו צייט וועגן די טעטיקייט, וועלכע עס קען א זייטיקן מענשן, אמאל, די ארבעט — ניט צופרידן שטעלן.

פונדעסטוועגן איז א וויכטיקע ארבעט אפגעטאן געווארן.

פון דער ווייטנס, אז מען וועט לייענען דעם געשיכטע-זשורנאל, וואס איז, אגב, א גאנץ שווערע שטיקל ארבעט עס צוזאמענשטעלן און וועט מן הסתם זיין אינטערעסאנט צו לייענען און דעריבער וועט זיין דער צוזאמענשטעלער די בעסטע אנערקענונג פאר די נוצליכע אויפגעטאנענע גרויסע מירחה, — אז מען וועט עס לייענען, — וועט מען קענען מיינען, אז פערנוי איז א קולטור-צענטר, א שטאדט ווו עס שוועבלט און גריבלט פון יידן. אין דער אמת'ן איז עס נראד פארקערט. עס קלינגט ווי א לעגענדע אז אין דער פארווארפענע קליינע שטעטל פערנוי פראוועט מען א צוואנציק יאריקן יובל פון א קולטורעלן-געזעלשאפטליכן פאראיין. און לאזט נאך ארויס צוליב דעם יום-טוב ספעציעלן געשיכטע-זשורנאל.

אויב עס איז דא ניסים אף דער וועלט, איז עס דער גרעסטער נס, וואס עס האט אמאל געקענט פאסירן.

א פארווארפענע שטעטל, וואס פארמאגט אינגאנצן א אכט און פופציק יידישע פאמיליען, שטייט אפגעריסן פון דער גאנצער קולטור-וועלט, געלעבט, כמעט, די גאנצע צוואנציק יאר בא זייער שווערע באדינגונגען — הן פינאנסיעלע, הן קולטורעלע, פון דעסט וועגן האט די פערנויער געמיינדע ניט געשטערט אויפצובאהאלטן א פאראיין און נאך פינאנסעל אונטערשטיצט — גאנצע צוואנציק יאר. אזוי ווי דער

"ח. נ. ביאליק" פאראיין אין טאלין איז א שטאלץ פארן גאנצן יידישן קיבוץ, — אזוי איז דער "אחדות" פאראיין אין פערנוי — א שטאלץ פאר דער גאנצע יידישע געמיינדע אין פערנוי.

אייער היינטיקער יום-טוב — איז אונדזער יום-טוב, אייער פרייד — איז אויך אונזער פרייד. און עס דארף זיין א פרייד פאר די גאנצע יידישע באפעלקערונג אין עסטי.

עס בלייבט נאר צו ווינשן דעם פאראיין "אהדות" ער זאל זעהן אף ווייטער, מיט דאך, מער ענערגיע, צו ארבעטן לטובת דעם יידישער, וועלטלעכער קולטור, ניט שטערן די פאר געצײלטע אינטעליגענטע כחות, וועלכע האלטן קולטורעל אויף דעם פאראיין אף זייערע פלייצעס. כדי דער "אחדות" פאראיין זאל טאקע בלייבן א שטאלץ פארן גאנצן עסטישן יידנטום.

ה. דרוק.

ד"ר ב. מירוויץ.

# נאציאנאליסטישער עקאנאמיזם.

איינע פון די שווערסטע באשולדיקונגען, וואס די שונאי-ישראל ברענגען ארויס אנטקעגן די יידן, איז דער מיטאס פון יידישע קאפיטאלן. פון דעם אונבאשרייבליכן רייכטום פון די יידן אין גארער וועלט.

די תורה האבן איבערגענומען אנע צו קאנטראלירן — אלע שאוויניסטן, און אלע לענדער — און מען זוכט, און מען אקערט אין פארשיידענע סטאטיסטיקעס און ארטיקלען אזוינע ציפערן און דאטעס, וועלכע וואלטן געקענט באשטעטיקן די איינצעלנע פונקטן פון דעם יידישן עשירות-מיטאס.

דאס גלייכווערטל, — אז מען זוכט — געפינט מען, — פאסט אין דעם פרט, זייער גוט. ווייל גראד איז סטאטיסטיק אזא מין גארטן, וווּ מען קען שערן יעדן בוים, נאכן געשמאק פון דעם "זוכער".

שוין אפגערעדט דערפון, אז מען האט קלאר און דייטליך באוויזן, אז די וועלט באקאנטע מיליארדן ווי מארגאן, ראקפעלער, הענרי פארד, זאהאראָוו וכדומה — זיינען קריסטאל-ריינע אריער, האט נאך קיינער פון די שונאי-ישראל ניט געפונען פאר נויטיק צו פאריכטן שוין אט די גראבע גרייזן אין זייערע גוט ארויסגעגעבענע ביכער און מען העצט יעדן פאלק, און יעדער מדינה אליין מיט די זעלביקע כלי-זין, ווי דאס פאסט פאר זייער ציל און אויפגאבע.

יעדער פאלק האט דרך-ארץ פארן געדרוקטן ווארט און ווערט א אנהענגער פון זיינע לערערס די שאוויניסטן.

אויך אין די עסטישער פרעסע הערן מיר אזוינע שטימען, מען שרייבט זיין גרויסע ארטיקלען מיט סטאטיסטישע ראיות, אז דער גרעסטער טייל פון דער עסטישער אינדוסטריע איז (למשל) אין יידישע הענט. פון מסחר איז שוין אפגערעדט. ווייל וועלכער ייד איז דאס ניט קיין ביזנעס מאן?... ליידער ווייסן מיר יידן דעם אמת, אז עס איז נאר ניט אזוי, אז מיר זיינען אין פארגלייך מיט די ארומיקע פעלקער אין זייערע עקאנאמישע פאזיציעס — ארעם, אז מיר האבן, אפילו, ניט קיין מעגליכקייטן ארויסגעבן צייטונגען און ביכער, וועלכע, קענען באווייזן די פאלשקייט פון דעם מיטאס פון יידישן רייכטום.

עס איז קיין גוזמא. ווען איך וועל זאגן, אז למשל דא אין עסטי ווערן די יידן פון חדש צו חדש אלץ ארימער און פאלירן איין עקאנאמישע פאזיציע נאך דער אנדערער. און, אגב, זיינען דאס ווירטשאפטליכע שטערונגען, וועלכע די אָרטיקע יידן האבן זיך געשאפן אין דער צייט נאך פאר דער עסטער זעלבסטשטענדיקייט.

די יידן אין עסטי, ווי אין א סך אנדערע לענדער, פאר וועלכע זיי גיבן אפ, אלס געטרייער און

לאָיאַלע בירגער — זייער לעבן און ארבעט, האבן
נים קיין אייגענע לאנד שטחים. געזינדן און איטע=
ניעס, שטעלעס אין מלוכה אדער קאמוניאלן (שטאד=
טישן) דינסט — האבן זיי נים, די מעגלעכקייטן
פאר ליבעראלע פראָפעסיעס ווערן פאר יידן ווייניקער
און הארבער, ווילע קיין פעסטע אנשטעלונגען האבן
יידישע דאקטוירים, אדוואקאטן און אינזשענערן —
נים, ווי זייערע קאלעגן — נים יידן.
בלייבט נאָר ליידער, די ביזנעס=מסחר און גע=
וועלבער — ווו' די יידן שפילן שוין גאר נים די
ערשטע פידל, ווי עס סיינען און ווילן אלעמן צוליב
פארשטענדילכע טעמים, איינריידן, די שאוויניסטישע
סטאטיסטיקער. און ווען מען רעדט וועגן דעם גרויסן
צאל פון הייזער, וואס געהערן יידן, איז דאך שוין
גענוג דורכצובלעטערן אזא צייטונג ווי „פאָסטמעס",
וועלכער שיינט די טעאריעס פון די שונאי=ישראל,
צו האלטן פאר א אמונה — און אָט די זעלביקע צייטונג
שרייבט און, אפשר, גאר מיט פאדדרוס?, — אז די
יידן פארקויפן זייערע הייזער אלע, יאָ! דער „פאָסטי=
מעס" ווייס, אפילו, גענוי פאר וואס פאר א מקח...

מען וועט לייענען די אויבנדערמאנטע אויספירונ=
גען און מען וועט קוועטשן מיט די פלייצעס: —
וואס האט דאס פאר א שייכות צום צוואנציט יאריקן
יובל פון פערנוויער פאראיין „אחדות"? און עס האט
א גרויסע שייכות, ווייל איך ווער נים מיד בא יעדע
געלעגנהייט צו דאס „פאסט" אדער נים — אנצו=
ווייזן, אז מיר יידן דארפן גראדע אין אזא צייט פון
נאציאנאליסטישן עקאנאמיזם אין אנדערע מאדערנע
„אזומען" אָפהיטן אלע אונדזערע מוסדות, סיי עקא=
נאמישע, סיי קולטורעלע און מער ליב האבן דאס
אייגענע און נאר די אייגענע.

אפשר, זאלן מיר זיך אויך גאר אפלערנען פאר
אינדזערע ברידער און שוועסטער אָט דעם — נא=
ציאנאליסטישן עקאנאמיזם?

ד"ר ב. מירוויץ

EESTI NÖÖBITÖÖSTUS

„MERKUR"

Tallinn, Tartu mnt. 69.

Telefoni kodune keskjaam:
306-74

*Kõik autoomanikud tarvitavad*

*nüüd ainult tuntud autokumme*

***„Sigillo Verde"***

**„Pirelli"**

**Müügil Pärnus:**

***K/m. S. Gordin & Vennad***

**Tallinna mnt. 9. Tel. 152**

Hiiu-Kärdla

KALEVIVABRIK



## Balti Nahavabrik

Pärnus, V. Sauga 24 tel. 76

ESINDUS:

Tallinn, Estonia pst. 15-3

Tel. 459-03

## PÄRNU LINA-TÖÖSTUS

Pärnu, Rääma tän. 38

Tel. 125.

VABRIKULAOD:

Pärnu, Laidoneri p. 9,

Tallinna maantee 11.

Valmisriiete ja manufaktuuräri

## H. BLUMBERG

Viljandis, Tallinna 5. Tel. 2-68

## A.-s. Pärnu Krediit Pank

Pärnus, Kalevi 30.

Asutatud 1913. a.

Telefonid: Üldine 23, juhatuse kabinett 45.

TEKSTIILTÖÖSTUS

**«KODUMAA»**

Pärnu



Riidevärvimise tööstus

# „UNION“

Tallinn, Telliskivi 51.
Telefon 440-42.

**BETTY BESPROSVANNY & POEG**

**KOOTUD KAUBA SUURLADU**

TALLINN, S. KARJA 12

TELEFON: 446-74, 446-63, 301-79

TEKSTIILTÖÖSTUS

**R. PAVLOVSKY & Ko**

**Pärnus, Hommiku tänav 2.**
**Telefon 343.**